ראזשינקעס מיט מאנדלען

מעשהלעך פאר אידישע קינדער

יהודה שטיינבערג

1. אַ מעשה מיט אַ פירשט — 2. דער געשלאָגענער
אינגעל — 3. פליגען שריפט.
4. אַ ריינער געוויסען. — 5. די ישועה.

2

פרייז 15 סענט

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פערלאג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
1918.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

786

ראזשינקעס מיט מאנדלען

מעשהלעך פאר אידישע קינדער

יהודה שטיינבערג

1. א מעשה מיט א פירשט — 2. דער געשלאָגענער אינגעל — 3. פליגען שריפט.
4. א ריינער געוויסען. — 5. די שולע.

2

איבערזעצט פון ס. שאַפּירא

מאַקס נ. מייזעל

אידישער פערלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאַפט

1918.

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/maysemifirshderg00stei

אַ מעשה מיט אַ פּירשט.

אַמאָל איז געווען אַ רייכער פּירשט, וואָס האָט פיינט געהאַט די אידען. פלעג ער אָנטון אַלערליי צרות די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין זיינע שטעט און דערפער.

און שטעט און דערפער האָט ער געהאַט זעהר אַ סך. און אין זיי האָבען געוואוינט זעהר אַ סך אידען.

פלעג דער פּירשט אלע ערב פּסח שיקען זיינע דינער אָנ־צוּוואַרפען חמץ אין אַלע ברונעמער, און די אידען האָבען ניט געהאַט קיין וואַסער גאַנץ פּסח.

אלע ערב סוכות פלעג דער פּירשט וואַרטען ביז די אי־דען האָבען אויפגעשטעלט די סוכות, און ביינאַכט פלעג ער שיקען זיינע דינער זיי זאָלען די סוכות פאַרברענען.

שבת און יום טוב, ווען די אידען קלייבען זיך צוזאַ־מען אין די שולען דאַווענען, פלעג ער זיי איינשליסען אין די שולען און ניט אַרויסלאָזען אַ גאַנצען טאָג.

אַז ער האָט באַגעגענט אַ איד אין גאַס, פלעג ער איהם אָהן רחמנות'דיג שלאָגען. עס פלעג אויך טרעפען, אַז ער האָט צוזאַמענגערופען אַלע אידען מיט'ן רב און זיי איינ־געזעצט אין תפיסה.

און די פּירשטין איז געווען א גוטע און ערליכע פרוי, און פלעג בסוד פאַרזאָרגען די געפאַנגענע מיט עסען, און זיי טרייסטען. אַמאָל פלעג זי אויך איינשטעלען איהר לעבען און זיי באַפרייען פון תפיסה. אָבער אַז דער פּירשט פלעג זיך דערפון דערוויסען, פלעג ער די פּירשטין באַשטראָפען און די אידען צוריק איינזעצען אין תפיסה.

האָט גאָט פאַרנומען דעם אידישען צער, און ער האָט אין דער שטאָט אַרונטערגעשיקט אַ גרויסען צדיק. ווען

דער צדיק איז אָנגעקומען אין שטאָט איז דער רב און די חשוב'סטע בעלי הבתים געזעסען אין תפיסה.

אַז די פירשטין האָט דערהערט, אַז אַ צדיק איז דאָ ביי די אידען, האָט זי מורא געהאַט ער זאָל ניט באַשטראָפען איהר מאַן. האָט זי גענומען איהרע קינדער, איז אַוועק צום צדיק און אָנגעהויבען וויינען פאַר איהם און בעטען:

— איך בעט דיך, געטליכער מענש! האָב רחמנות אויף די קליינע קינדער, זיי זאָלען חלילה ניט בלייבען קיין יתומים.

— גוט, — האָט דער צדיק געענטפערט — דיר און דיינע קינדער וועל איך קיין שלעכטס ניט טון!

— איך בעט דיך — האָט די פירשטין ווייטער געבעטען — האָב אויך רחמנות אויף מיין מאַן און טויט איהם ניט! אפשר וועט ער נאָך גוט ווערען!

— גוט — האָט דער צדיק געענטפערט — איך וועל איהם באַשטראָפען מיט אַ לייכטער שטראָף: „זאָל גאָט געבען, אַז אַלע דינער זאָלען פון איהם הערען בלויז גוטע און גערעכטע רייד."

— אָמן! — האָט די פירשטין מיט פרייד געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען.

און דער פירשט האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ צדיק איז געקומען אין שטאָט אַריין און אַז די פירשטין איז ביי איהם געוועזען, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען. האָט ער גערופען זיינע דינער און צו זיי געזאָגט:

— ברענגט שנעל אַהער דעם צדיק, וועלכען איך האַס!

האָט זיך די דינער געדאַכט, אַז ער זאָגט:

„לויפט און ברענגט אַהער דעם צדיק און זעצט איהם אַנידער אויף מיין שטול."

זענען זיי געלאָפּען איינער שנעלער פון צווייטען, זע־נען צוגעפאָרען צום צדיק'ס הויז אין אַ גאָלדענער קאַרעטע, האָבען איהם מיט גרויס כבוד געבראַכט אין פּאַלאַץ און אַוועקגעזעצט איופ'ן טראָן.

אַז דער פירשט האָט דאָס געזעהן, איז ער אין כעס גע־וואָרען אויף די דינער און געשריען:

— אָ, איהר ווידערשפּעניגע ! וואָס האָט איהר גע־טון ? ! צי דען איז דאָס געווען מיין באפעל ? ברענגט מיר שנעל אַהער די געפאַנגענע אידען און איך וועל זיי שמייסען נאַקעטערהייט דעם צדיק אין די אויגען !

האָט זיך די דינער געדאַכט, אַז ער זאָגט :

— ברענגט שנעל די געפאַנגענע אידען, און זעצט זיי אויס אויף שטולען לעבען צדיק !

זענען די דינער געלאָפען איינער שנעלער פון צווייטען, האָבען אַרונטערגענומען די קייטען פון די געפאַנגענע, האַ־בען זיי אויסגעפּוצט און אַוועקגעזעצט אויף שטולען קעגען צדיק.

דערווייל האָט אָנגעהויבען די זון אויפגעהן. האָט דער צדיק געזאָגט : עס איז צייט צו דאַווענען שחרית. לאָמיר דאַווענען בצבור !

האָבען אַלע אָנגעטון טלית און תפילין און אָנגעהוי־בען דאַווענען.

דער פּאַלאַץ איז געוואָרען אַ שול.

איז דער פירשט אין כעס געוואָרען און געזאָגט :

— ווי וואַגט איהר עס, איהר פאַרשאָלטענע אידען! וואָרט, איך וועל אייך באַלד ווייזען!

און ער האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו זיינע דינער: געהט, שטעכט צעהן חזירים, גרייט צו דאָס פלייש און האָדעוועט דערמיט אָן די אידען מיט געוואַלד.

האָט זיך די דינער געדאַכט, אַז ער זאָגט:

„לויפט צום שוחט, זאָל ער קוילען צעהן קעלבער און גרייט צו אַ כשרה סעודה פאַר מיינע חשוב'ע געסט!"

זענען די דינער אַוועקגעלאָפען, גענומען צעהן קעלבער, זיי געלאָזען קוילען און צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיגע סעודה, און האָבען דערלאַנגט די אידען טייערע מאכלים אין כשר'ע כלים. האָבען זיי געגעסען און געבענשט.

און דער פירשט איז בייז און אונצופרידען און זאָגט:

— ברענגט מיר ריטער און קייטען פאַר אָט די ווידערשפעניגע!

דאַכט זיך די דינער, אַז ער הייסט זיי ברענגען גאָלדענע צירונג פאַר יעדען פון די אידען, און זיי האָבען באַלד דערפילט זיין באַפעל.

דערווייל האָט אָנגעהויבען נאַכט ווערען און די אידען האָבען זיך געשטעלט דאַווענען מנחה און מעריב.

און דער פירשט איז בייז און אויפגערעגט. און פון גרויס כעס האָט ער ניט געגעסען און ניט געטרונקען צוויי טעג. אויפ'ן דריטען טאָג זאָגט ער צו די דינער:

— ברענגט מיר עסען!

דאַכט זיך די דינער, אַז ער זאָגט, ברענגט אַ הונגעריגען אָרעמאַן און גיט איהם עסען.

האָבען זיי אַזוי געטון.

פון דאַן אָן האָט דער פירשט מורא געהאַט צו בעטען עסען אָדער טרינקען. ער האָט זיך געטראַכט: וועד ווייסט וואָס זיי קאָנען הערען אין מיינע ווערטער, און וואָס זיי קאָנען נאָך אָפּטון!

איז ער געזעסען שטיל, געהונגערט און געוואַרט ביז די דינער וועלען זיך אָן איהם דערמאָנען און איהם געבען זיין עסען.

אָבער וועה צו דעם, וואָס דאַרף וואַרטען אַנדערע זאָ-לען זיך אָן איהם דערמאָנען!

איז דער פירשט מיט יעדען טאָג שוואַכער געוואָרען, ביז ער איז אין גאַנצען קראַנק געוואָרען.

האָט די פירשטין רחמנות געקראָגען אויף איהם און צו איהם געזאָגט:

— דו זעהסט דאָך, אַז גאָט שטראָפט דיך. דער צדיק האַלט זיך אויף ביי אונז אין פּאַלאַץ, לאָמיר צו איהם אַריינ-געהן און איהם בעטען ער זאָל דיר העלפען.

זענען ביידע אַוועק צום צדיק.

האָט דער צדיק געזאָגט: ניט קיין קללה נאָר אַ ברכה האָב איך אויף דיר געבראַכט. די איינציגע זאַך וואָס ער קאָן איצט טון איז, ער זאָל מיט יעדען באַפעל הייסען טון עפּעס גוטעס. דאַן וועלען איהם די דינער פאַרשטעהן און טון זיין פאַרלאַנג.

האָט דער פירשט באַשלאָסען אַזוי צו טון, און ווען ער איז אַהיימגעקומען און געוואָלט עסען, האָט ער געזאָגט צו זיינע דינער: ברענגט אָן אָרעמאַן, וואָס זאָל מיט מיר עסען מיטאָג!

האָבען די דינער באַלד געטון ווי ער האָט געהייסען!

14/12/18

האָט ער ווייטער געזאָגט: גיט דעם צדיק אַלס מתנה אַ גאָלדענע קאַרעטע, און מיך זעצט אוועק אויפ'ן טראָן.

האָבען די דינער שנעל געטון ווי ער האָט געהייסען.

האָט דער פירשט ווייטער געזאָגט: געהט, בויעט אויס שולען פאַר די אידען און ראַמט אוים די איבריגע שטולען פון מיין צימער.

האָבען די דינער אַזוי געטון.

דערווייל איז געוואָרען זומער. האָט דער פירשט געזאָגט צו זיינע דינער: געהט, שטעלט אויף שענע סוכות פאַר די אידען און מיך פירט אוועק אין מיין זומער-וואוינונג.

האָבען די דינער זיך געאיילט און אויפגעשטעלט סוכות וואָס האָבען צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין שענקייט, און האָבען זיי באַהאָנגען מיט אתרוגים. זענען די סוכות געשטאַנען און געוואַרט אויף סוף זומער, און דער פירשט איז דערווייל אַרויסגעפאָרען אין זיין זומער וואוינונג.

און דער פירשט האָט נאָך לאַנג געלעבט און האָט זיך זיין גאַנצען לעבען געפירט ווי דער צדיק האָט איהם געהייסען.

דער געשלאָגענער אינגעל.

אין אַ דאָרף האָט געוואוינט אַן אָרעמער ערד-אַרבייטער מיט'ן נאָמען עובד, און ער האָט געהאַט אַ פרוי און אַ זיבען יעהריגען אינגעל מיט'ן נאָמען חבקוק.

און עובד און זיין פרוי האָבען זעהר ליב געהאַט זייער זוהן חבקוק, ווייל ער איז געווען אַ גוט, פלייסיג און פאָלג-

זאָס קינד. האָבען זיי קיינמאָל אויף איהם קיין האַנט ניט אויפגעהויבען און אַפילו ניט אָנגעשריען אויף איהם.

איינמאָל איז עובד געקומען אין שטאָט אַריין און איז אַריינגעגאַנגען אין בית־מדרש, אָפּצוגעבען ליכט וואָס ער האָט מנדר געווען פאַר די וואָס לערנען ביינאַכט. האָט ער געהערט ווי איינער לערנט און זאָגט „חושך שבטו שונא בנו" (ווער עס שלאָגט ניט זיין זוהן האָט איהם פיינט).

האָט עובד געזאָגט צו דעם לערנער: „זייט אַזוי גוט, און גיט מיר צו פאַרשטעהן דעם פסוק וואָס איהר לערנט."

האָט איהם דער מענש געענטפערט: „די ווערטער זענען גאַנץ איינפאַך: „ווען איינער שלאָגט ניט זיין קינד האָט ער איהם פיינט!"

ווען עובד האָט דאָס געהערט, איז ער טרויעריג געווארען. ער איז אַוועק אַהיים און האָט צו זיין ווייב אַזוי געזאָגט:

— אַן איין און איינציגען, גוטען זוהן האָט אונז גאָט געגעבען און מיר האָבען איהם פיינט.

— וואָס רעדסטו? — האָט זיך זיין ווייב פאַרוואונדערט — מיר האָבען פיינט אונזער חבקוק?!

— שווייג, אידענע! — האָט ער אויף איהר אָנגעשריען — צי דען ביזטו קליגער פון שלמה המלך? ער האָט אָנגעשריבען: „חושך שבטו שונא בנו", און איינער אַ למדן פון בית המדרש האָט מיר דעם פסוק פאַרטייטשט, אַז ווער עס שלאָגט ניט זיין זוהן האָט איהם פיינט."

אַז די פרוי האָט דאָס געהערט, האָט זי זיך ענטשולדיגט. זי האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס האָט שלמה המלך אַזוי געזאָגט.

— און וואָס וועלען מיר איצט טון ? איך וויל ניט מיר זאָלען פיינט האָבען אונזער זוהן.

— יעצט דאַרפען מיר אונזער זוהן שלאָגען !

— גוט ! נעם, שלאָג איהם פון מיינעטוועגען אויך, ווייל איך האָב איהם שטאַרק ליב.

— דיר איז גרינג צו זאָגען, נעם, שלאָג ! — האָט דער פאָטער געענטפערט — וואָס וועל איך טון, אַז ער וועט וויינען ?

— לאָמיר איהם אַליין פרעגען און הערען זיין עצה.

האָבען זיי גערופען חבקוק'ן און איהם דערצעהלט, אַזוי און אַזוי האָט שלמה המלך געשריבען, אַזוי און אַזוי האָט מיר אַ למדן ערקלערט די באַדייטונג פון דעם פסוק, אַזוי און אַזוי האָט דיין מאַמע געזאָגט און אַזוי און אַזוי האָב איך איהר געענטפערט, יעצט, וואָס איז דיין עצה ?

— אויב די זאַך איז אַזוי נויטיג — האָט חבקוק גע־ענטפערט — נאַדיר מיין רוקען און שלאָג !

— און וואָס וועל איך טון, אַז דו וועסט וויינען ?

— פאַר וואָס זאָל איך עפּעס וויינען ? צי דען וועט עס מיך אַ פרעמדער שלאָגען ? ! ס'איז דאָך מיינע טאַטע און מאַמע !

— גוט ! — האָט דער פאָטער געענטפערט — איך האָב אָבער ניט קיין רוט.

— איך וועל געהן אין וואַלד — האָט חבקוק פאָרגע־שלאָגען — איך וועל דאָרט אָנשניידען דינע צווייגעלעך און מאַכען פון זיי אַ גוטע און ווייכע רוט.

— געה, מיין קינד, און איך וועל וואַרטען ביז דו וועסט צוריקקומען.

איז חבקוק אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין. אויפ'ן וועג האָט ער באַגעגענט אַ מאַן, וואָס איז געווען בלינד אויף איין אויג. פרעגט ער איהם:

— וואוהין געהסטו, אינגעלע?

— אין וואַלד אַריין — האָט געענטפערט חבקוק — אָנצושניידען צווייגעלעך פאַר אַ רוט.

— אויף וואָס דאַרפסטו אַ רוט?

— מיין טאַטע דאַרף אַ רוט מיך צו שלאָגען, ווייל ער האָט מיך ליב און שלמה המלך האָט געזאָגט, ווער עס שלאָגט ניט זיין קינד האָט איהם פיינט.

— גוט טוסטו, מיין קינד. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ קליין אינגעל, ווי דו, אַ זעהענדיגער אויף ביידע אויגען. איך בין בלינד געוואָרען, און מענשען האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז מיר געקומען דערפון, וואָס מיינע עלטערן האָבען מיך ניט געשלאָגען. אָבער וואָס וועסטו טון, אַז ס'וועט דיר וועה טון?

— איך וועל זיך איינגראָבען מיט מיינע נעגעל אין דער ערד, און וועל ניט אַרויסלאָזען קיין קול, מיין טאַטע זאָל קיין צער ניט האָבען.

— גראָב, גראָב! אפשר וועסטו אויסגראָבען פון דער ערד אַ גוטע זאַך.

דער מאַן איז אַוועק זיין וועג און חבקוק, זיין וועג. האָט חבקוק ווידער באַגעגענט אַ מאַן, פירענדיג אַ צווייטען אַ געשמידטען הענט און פיס אין אייזערנע קייטען. האָט איהם דער געפאַנגענער געפרעגט: וואו געהסטו, אינגעלע?

— אין וואַלד אַריין — האָט חבקוק געענטפערט —

אָנצושניידען ריטלעך, דער טאַטע זאָל מיך מיט זיי שלאָ־גען. וואָרים אַזוי האָט שלמה המלך געשריבען אין זיינע ביכער: ווער עס שלאָגט ניט זיין קינד, האָט איהם פיינט.

— זעהר שען וואָס דו טוסט אַזוי — האָט דער גע־שמידטער געענטפערט — איך בין אויך געוועזען אַ אינגעל ווי דו, און מיינע עלטערן האָבען מיך ניט געשלאָגען. איך האָב געטון, וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט, און זיי האָבען אויף מיר ניט אָנגעשריען, ביז איך האָב זיך איינמאָל גע־לעגט שלאָפען, און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט זענען מיינע הענט און פיס געוועזען געשמידט אין קייטען און שווע־רע ריטער האָבען זיך געשאָטען אויף מיין רוקען. קלוגע לייט האָבען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז מיר געקומען דערפון וואָס מיינע עלטערן האָבען מיך קיינמאָל ניט געשלאָגען. אָבער זאָג מיר, וואָס וועסטו טון אז ס'וועט דיר וועה טון?

— איך וועל זיך איינגראָבען מיט מיינע נעגעל אין דער ערד און וועל ניט אַרויסלאָזען קיין קול, מיין טאַטע זאָל קיין צער ניט האָבען.

— גראָב, גראָב, אינגעל! אפשר וועסטו פון דער ערד עפּעס אַ גוטע זאַך אויסגראָבען.

דער געפאַנגענער איז זיך אַוועק זיין וועג, און חבקוק איז געקומען אין וואַלד אַריין, האָט אָנגעשניטען ריטלעך און איז אַהיים געגאַנגען.

ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און גע־זאָגט צום פאָטער: יעצט, טאַטע, שלאָג, און די מאַמע וועט צעהלען די שמיץ, דו זאָלסט ניט האָבען קיין טעות אין צעהלען.

דער פאָטער האָט איהם געגעבען דעם ערשטען שמיץ.

חבקוק האָט דערפיהלט אַ וועהטאָג. ער האָט פאַרביסען די ליפּען, האָט איינגעגראָבען זיינע נעגעל אין דער ערד — און האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדענע מטבעה.

ער האָט עס געוויזען זיין טאַטען: זעהסט, דאָס האָב איך געפונען ווען איך האָב זיך איינגעגראָבען מיט די נע־געל אין דער ערד.

עובד האָט באַטראַכט די מטבעה, האָט זי געגעבען צו זיין פרוי: נאַ, געה קויף מעל און גרינצייג, וועלען מיר אָפּעסען אַ זאַטען מאָלצייט.

דער פאָטער האָט געגעבען דעם צווייטען שמיץ, און חבקוק האָט אויסגעגראָבען נאָך אַ מטבעה.

דער פאָטער האָט באַטראַכט די מטבעה און געזאָגט צו זיין פרוי: געה, קויף אַ פערד און אַן אַקער וועלען מיר באַאַרבייטען די ערד און ניט ליידען קיין הונגער.

ביים דריטען שמיץ האָט חבקוק ווידער אויסגעגראָבען א מטבעה.

האָט דער פאָטער געזאָגט: מיט דער מטבעה וויים איך ניט וואָס צו טון. געה, מיין זוהן, אין שטאָט אַריין און פרעג ביים רב וואָס צו טון מיט דער מטבעה.

און דער רב פון שטאָט איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסען חכם און מכנים אורח. זעקס געקעכצען האָט מען געגעסען ביי זיין טיש, אַזוי פיעל געסט פלעג ער איינלאַדען צו זיין טיש און אַ סך זענען אויך געקומען ניט איינגעלאַ־דענערהייט.

אַז חבקוק איז געקומען צום רב האָט ער געפרעגט: וואָס קאָן מען טון מיט דער מטבעה?

האָט דער רב געזאָגט, פאַר דער מטבעה קאָן זיך אַ אינגעלע קויפען אַ סך ספרים.

— איך קאָן אָבער ניט לעזען — האָט חבקוק געענטפערט.

— דו קאָנסט ניט לעזען ? — האָט זיך דער רב געוואונדערט — בלייב ביי מיר און איך וועל מיט דיר לערנען.

איז חבקוק געבליבען אויף אַ ווײַלע ביים רב אין הויז, און צווישען ערשטען געקעכץ און דעם צווייטען האָט ער איהם אויסגעלערנט דעם אלף בית און די נקודות.

צווישען דעם צווייטען און דריטען האָט ער מיט איהם דורכגעלערנט דעם ספר בראשית.

צווישען דעם דריטען און פערטען, דעם ספר שמות.

צווישען פערטען און פינפטען, דעם ספר ויקרא.

צווישען פינפטען און זעקסטען, דעם ספר במדבר.

און פאַר'ן בענשען האָט ער מיט איהם דורכגעלערנט דעם לעצטען ספר — דברים. ווען די סעודה האָט זיך געענדיגט האָט חבקוק שוין דעם גאַנצען חומש געקענט.

נאָך דער סעודה האָט חבקוק געוואָלט געהן אַהיים, אָבער דער רב האָט איהם געזאָגט : דו האָסט אַ גוטען קאָפּ, אינגעלע ! זיי ביי מיר, און איך וועל מיט דיר תורה לערנען, און ווען דו וועסט אויסוואַקסען וועסטו זיין אַ גרויסער חכם.

איז חבקוק געבליבען ביים רב און האָט דאָרט געלערנט זיבען יאָהר, זיבען מאָנאַטען און זיבען טעג.

און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ גרויסער חכם,

און ער האָט שוין געהאַט אַ סך תלמידים וואָס האָבען פון איהם געלערנט.

פליגען־שריפט.

שלמה, אַ אינגעל פון אַ יאָהר עלף, א תלמיד אין אַ שולע, האָט זיך גאַנץ פריה אַוועקגעזעצט צוגרייטען זיין לעקציע אין מאָלען. געווען איז דאָס אין די ערשטע טעג פון נייעם זמן און די לעצטע טעג פון הערבסט, ווען ס'איז אַזוי גוט צו פאַרברענגען אין אַלערליי פרעהליכע שפילען. האָט זיך שלמה אַ גאַנצען טאָג געשפּילט און ניט באַוויזען צו צוגרייטען זיין לעקציע. דעריבער איז ער אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה צו ענדיגען זיין אַרבייט.

אָבער ער איז פויל און מיט גרויס שוועריגקייט ציי־כענט ער איין שטריך נאָכ'ן אַנדערן. פונדעסטוועגען האַלט ער שוין באַלד ביים ענדיגען. אָט נאָך עטליכע שטריכען און ער איז פאַרטיג. ער האָט איינגעשטעקט די פעדער אין טינטער און ציהט זיך און קנאַקט זיינע פינגער. ער פאַר־לעגט די הענט אויפ'ן קאָפּ, פאַרטראַכט זיך און פאַרגעסט זיין לעקציע, זיין העפט, די שולע און אַלץ מיט אַנאַנדער.

נאָר אָט האָט אַן איינגעשפּאַרטע פליג ניט געפונען קיין בעסער אָרט וואו זיך אַוועקצושטעלען, ווי אויף שלמה'ס נאָז, וואָס שפּאַרט אַרויס פון זיין רוהיג געזיכט. דער אינ־געל וויל ניט פאַנאַנדער נעמען זיינע הענט אָפּצוטרייבען די פליג און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ זי זאָל זיך דערשרעקען און אַנטלויפען. אָבער די איינגעגעסענע פליג רירט זיך ניט פון אָרט.

דער אינגעל טוט אַ שטאַרקען שאָקעל מיט'ן קאָפּ. די פליג פאַרלאָזט די נאָז און שטעלט זיך אויפ'ן שטערן. שלמה האָט אָנגעהויבען וואַרפען זיין קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, און קנייטשען דעם שטערן. האָט די פליג פאַרלאָזען איהר אָרט און זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן אויער. איז איהר דאָס אָרט ניט געפעלען. איז זי אַריבערגעפלויגען אויף דער ברעם פון אויג, און פון דאָרט אויף דער לינקער האַנט.

— וואַרט, דו ווילדע פליג! איז שלמה אין כעס געוואָרען — איך וועל מיט דיר לערנען דרך ארץ. ער האָט אַ מאַך געטון מיט זיין רעכטער האַנט און אין אַ רגע איז די פליג געוועזן אַ געפאַנגענע.

דאַן האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שרעקליכער באַגער: „איך וועל איהר אָפּרייסען די פליגעל, וועלען מיר זעהן וואָס וועט אַזאַ העלד אויפטון אָהן פליגעל. וועט זי זיך אויך דאַן בונטעווען? וועט זי אויך דאַן שטערן מיין רוה?" און מיט גרויס רציחה האָט ער אָנגעכאַפּט זיין אומגליקלעך געפאַנג, איהר אָפּגעריסען די פליגעל און געלאָזט געהן.

און די פליהענדע און גליקליכע פליג איז אין איין רגע געוואָרען אַ נישטיג און אומגליקלעך ווערעמעל.

שלמה'ן האָט אַ ווײַלע געקלאַפּט דאָס האַרץ ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אויף דער פליג מיט די אָפּגעריסענע פליגעל, נאָר באַלד האָט ער זיך באַרוהיגט און זיך ווייטער גענומען צו זיין אַרבייט.

און די אומגליקלעכע פליג, ווען עס שטעהען פאַר אַלערליי צרות און אומגליקען, איז אַביסעל געקראָכען און זיך אָפּגעשטעלט, געקראָכען און אָפּגעשטעלט און זיך

שטאַרק געוואונדערט. פון גרוים שרעק האָט זי ניט גע־פיהלט די גרויסע רציחה, וואָס דער שלעכטער אינגעל איז געגען איהר באַגאַנגען. דאַריבער האָט זי ניט פארשטאַנען פאַר וואָס זי קען זיך ניט אויפהויבען און פליהען אין דער פרייער לופט, ווי זי איז געוואוינט. זי איז געשטאַנען פאַר־טיפט אין געדאַנקען, וועלענדיג פאַרשטעהן וואָס מיט איהר קומט פאָר.

איינע פון איהרע פליהענדע שוועסטער איז פאַרביי איהר דורכגעפלויגען, זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט און זי באַ־טראַכט.

— זום . . . זום . . . — האָט די פליג אַ זיפץ געטון אויף איהר אומגליקלעכער פריינדין, און איז אוועקגעפלוי־גען.

— אומגליקלעכע! — האָט איהר די פליג געוואָלט זאָגען — אַ מענשענס האַנט האָט דיך אָנגערירט. זיין באַ־רירונג איז געפערליך. ער פאַרוואַנדעלט הימלישע פויגעל אין שטויביגע ווערעם.

די אומגליקלעכע פליג איז געקראָכען און שטעהן גע־בליבען, געקראָכען און שטעהן געבליבען, ביז זי איז צוגע־קומען צום טינטער. זי איז אַרויפגעקראָכען, אַריין אין טינטער און פאַרשוואונדען.

אומגליקלעכע! עס איז איהר באשערט געווען צו געפינען איהר טויט אין טינט!

דער אינגעל האָט שוין כמעט געענדיגט זיין אַר־ביט און מיט פרייד זי באַקוקט און געטראַכט: „נאָך אַ ווייל און איך וועל באַקומען זעהר אַ גוטען צייכען פאַר דער ריינער און שענער צייכענונג!"

נאָך אַ צוויי שטריכעלעך האָט ער געדאַרפט מאַכען אויף דעם ריינעם פּאַפּיר, און די אַרבייט איז געענדיגט. נאָר די טינט אויף דער פעדער איז פאַרטריקענט. האָט ער זי איינגעטונקען אין טינטער און אָנגעהויבען צייכענען.

נאָר, אוי! די דערטרונקענע פליג האָט זיך אָנגע־טשעפּעט אויפ'ן שפּיץ פון דער פעדער, און זייענדיג אוים־געווייקט אין טינט, האָט זי אָנגעהויבען אַרומקריכען אי־בער דער שענער, ציכטיגער צייכענונג.

שלמה האָט אָנגעהויבען אַרונטערטרייבען די פליג מיט זיין פעדער. דאָס מאָל איז די פליג ניט געווען איינגע־שפּאַרט און אָנגעהויבען קריכען ווייטער און ווייטער לאָ־זענדיג נאָך זיך פלעקען טינט איבער דער גאַנצער לענג פון דער צייכענונג.

דער אינגעל איז אַ פאַרציטערטער געוואָרען. אָנ־הויבען די אַרבייט פון דאָס ניי קען ער ניט, ווייל ס'איז שוין צו שפּעט. עס איז אין גאַנצען געבליבען אַ פּאָר מינוט ביז מען הויבט אָן לערנען און די צייט דאַרף ער באַנוצען אויף געהן אין שולע. ער מוז דעריבער דעם לעהרער ווייזען די צייכענונג ווי זי איז, אָדער אין גאַנצען קיין צייכענונג ניט ווייזען. אַזוי צי אַזוי וועט ער באַקומען זיין שטראָף.

ער האָט געוואַרט אַ ווײלע, ביז די טינט וועט זיך אָפּ־טריקענען. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען איינפּאַקען זיי־נע ביכער און העפטען. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין צייכענונג און זיין האַרץ איז אין איהם אָפּגעשטאָרבען.

ער האָט געקוקט אויף די טינט-פלעקען, וואָס די פליג האָט נאָך זיך געלאָזען. אָבער דאָס זענען גאָר ניט קיין פּשוט'ע פלעקען... דאָס זענען משונה'דיגע אותיות און אַ

משונה'דיגע שריפט... אָט זענען פּאַסיקלעך און אָט פינ־טעלעך, האַלבע און גאַנצע רעדעלעך, און אַלע אין אַ גלייכער שורה.

און אין זיין אויפגערעגטען מוח הויבט ער אָן צוזאַמענשטעלען די פּאַסיקלעך און פינטעלעך: „דאָס איז זיכער פליגען־שריפט — האָט ער מיט אַ ציטערדיג האַרץ באַשלאָסען — איך פאַרשטעה ניט די שריפט און די שפּראַך, איך ווייס אָבער וואָס דאָ איז געשריבען. דאָס איז אַן אָנקלאַגע אויף מיר פון דער פליג: „פאַר וואָס, ווילדער אינגעל, פאַר וואָס האָסטו אָפּגעריסען מיינע פליגעל און מיך איבערגעגעבען יעדער צרה און יעדען אומגליק, פאַר יעדער שפּין און יעדען וואָרעם, פאַר יעדען שנאָבעל און פויגעל ? !"

אין דער רגע איז אַ פליג דורכגעפלויגען פאַרביי זיין אויער און אַ זשום געטון: זום . . . ם . . . ם."

— אויך דאָס זשומען פאַרשטעה איך — האָט דער אינגעל מיט אַ קלאַפּעדיגען האַרץ געטראַכט: אוי, מערדער! — האָט די פליג געזאָגט — פאַר וואָס האָסטו אומגליקליך געמאכט א גליקלעכע, פרעהלעכע פליג און זי פאַרוואנדעלט אין אַן אומגליקלעכען וואָרעם ? וואָלסטו צופרידען געווען, ווען מען וואָלט דיין ברודער אָפּהאַקען זיינע פיס און דיין שוועסטער איהרע הענט ?

מיט אַ צעבראָכען האַרץ איז שלמה געקומען אין שולע אריין. און די ערשטע ארבייט אויף וועלכער דער לערער האָט איהם געפרעגט איז געווען — די צייכענונג.

מיט אַ געבראָכען געמיט האָט ער דערלאַנגט דעם לערער זיין העפט. ווי דער לערער האָט דארויף גע־

קוקט, זענען אָנגעפלויגען דריי פליגען און זיך אַוועקגע־שטעלט אויפ׳ן פּאַפּיר, ווי זיי וואָלטען לעזען וואָס דאָרט איז אָנגעשריבען.

דער צעשראָקענער אינגעל האָט אין די דריי פליגען גע־זעהן צוויי עדות און אַ ריכטער, וועלכע זענען איהם געקו־מען משפּט׳ען און אַרויסגעבען אַ פּסק.

אַ טרויעריגער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי אַ זינדיגער, איז שלמה געגאַנגען זיך שטעלען אין ווינקעל פון קלאַס־צימער. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען. זון זיך ביטער צעוויינט.

נאָר ניט איבער דער שטראָף און דער שאַנדע האָט ער געוויינט. ער איז געווען פון יענע קינדער, וואָס באַקלאָגען זיך ניט אויף זייערע עלטערן און לערער ווען זיי ווערען באַשטראָפט. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך פאַרשול־דיגט און ער האָט די שטראָף אָנגענומען מיט אַ באַשלוס ווייטער צו זיין גוט. געוויינט האָט ער, ווייל די פליגען־שריפט איז איהם געשטאַנען פאַר די אויגען און ער האָט זי ניט געקענט פאַרגעסען.

„אָ, דו שלעכטער אינגעל! פאַר וואָס האָסטו אָפּ־געריסען מיינע פליגעל?"

„וואָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט אַזוינס געטון דיין ברודער און דיין קליין שוועסטערל?"

און אַפילו, ווען ער איז געגאַנגען שלאָפען, ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, האָבען זיך איהם אַקעגען גע־שטעלט די שורות פון דער פליגען־שריפט, קלאָר און דייט־ליך:

„אוי, שלעכטער אינגעל! פאַר וואָס האָסטו אָפּגעריסען מיינע פליגעל ?"

און אין חלום זעהט ער אַ סך, אַ סך פליגען פליהען אין דער הויך און שפּילען זיך מיט די שטראַלען פון דער זון. פלוצים פאַלען לעבען איהם אַרונטער אָפּגעהאַקטע פליגעלעך און זיי וויינען און זשומען איהם אין די אויערן:

„ווי ווען מען וואָלט אַזוינס געטון דיין ברודער און דיין קליין שוועסטערל ?"

ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, איז ער די ערשטע זאַך געלאָפען צו זיין ברודערל און שוועסטערל. ער האָט זיי געקושט, און הייסע טרערען האָבען גערונען פון זיינע אויגען.

פון דאַן אָן, אַז שלמה האָט געזעהן ווי אַ אינגעל הויבט אויף די האַנט צו כאַפּען אַ פליג, האָט ער איהם ניט געלאָזען און געזאָגט: „לאָז זיי אָפּ! ווען מען זאָל אַזוי טון דיין ברודערל אָדער שוועסטערל, וואָלסטו צופרידען געוועזן ?"

א ריינער געוויסען.

ביי יחזקאל'ס עלטערן אין הויז איז געוועזן אַן אַלטע דינסט. געהייסען האָט זי שרה. יחזקאל'ס עלטערן האָבען איהר אָפּגעגעבען כבוד, ווייל זי איז געוועזן אַן אַלטע. אַ חוץ דעם האָבען די עלטערן זי ליב געהאַט פאַר איהר ערליכקייט און איבערגעבענהייט. זי האָט אָפּגעהיט יעדע זאַך וואָס האָט באַלאַנגט צו איהר בעל הבית און קיין מיה און אַרבייט איז פאַר איהר ניט שווער געוועזן ווען זי האָט געקענט פאַרהיטען אַ שאָדען.

אָבער יחזקאל האָט זי פיינט געהאַט פאַר איהר שטרענגקייט און ווייל זי האָט זיך אָפט באַקלאָגט אויף איהם. האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, האָט זי געשריען, אַז ער רייבט אָפּ דעם קאַ־לעך. האָט ער זיך געוואַשען און פאַרגאָסען אַבי־סעל וואַסער, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד, אַז ער מאַכט אַ מבול אין הויז. ליגט ער אויף דער סאָפע, און האָט גאָר אַפילו ניט אין זין צו צעקנייטשען די דעקע וואָס איז אויף איהר פאַרשפּרייט, שרייט זי, אַז ער צעקנייטשט די גאַנצע דעקע. וואו ער איז געשטאַנען און געגאַנגען איז ער איהר געווען אין וועג. „דאָ שטעל זיך ניט, דאָרט זעץ זיך ניט, אַהער גיה ניט, דאָרט לעג זיך ניט.”

— זי איז אַ שלעכטע — האָט זיך יחזקאל באַקלאָגט — איך האָב זי פיינט, ווי דעם טויט!

אין הויף איז געווען אַ הון ביי וועלכער די מאַמע איז געשטאָרבען ווען זי איז נאָך אַ קליין הינדעלע געווען. האָט שרה רחמנות געהאַט אויפ'ן הינדעל און עס אַריינגענומען אין קיך, און פלעג עס האָדעווען און וואַרעמען, ביז ס'איז אויסגעוואַקסען און געוואָרען אַ גרויסע, שענע הון. האָט מען זי גערופען „שרה'ס הון.”

איינמאָל איז יחזקאל געזעסען מיט זיינע ברידער און געשפּילט אין „ציגען־וואָלף”. זיין ברודער האָט אַוועקגע־שטעלט אַ שטיקעל קרייד — דער וואָלף, און יחזקאל האָט אויסגעשטעלט זיינע קערנער — די שעפּסען פאָרען ווייז אַלס היטער פאַר'ן וואָלף, און דערווייל האָט ער געזוכט אַריינצונאַרען איהם אין דאָרף אַריין. נאָך איין שפּאַן און דער וואָלף איז געפאַנגען.

פלוצים איז אויף זיי אָנגעפאַלען „שרה'ס הון" און ניט טראַכטענדיג אַז די קערנער זענען גאָר קיין קערנער ניט, נאָר ציגען, און ניט פאַרשטעהענדיג, אַז דער ווייסער קרייד איז ניט קיין איינפאַכער קרייד, נאָר אַ ווילדער וואָלף, האָט זי אָפּגעשטופּט דעם וואָלף און אויפגעקליבען איינציג־ווייז אַלע קערנער־ציגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך.

יחזקאל איז שמאַרק אין כעס געוואָרען אויף דער חוצפה'דיגער הון און איז איהר נאָכגעלאָפען אָפּרעכענען זיך מיט איהר. אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך שרה אריינ־געמישט און אָפּגעראַטעוועט די הון פון זיינע הענט.

האָט יחזקאל געשוואוירען איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך נוקם צו זיין אָן שרה'ן.

ער האָט געוואוסט, אַז שרה האָט אַ זוהן, וואָס דינט אין דער אַרמיי, אַז זי בענקט נאָך איהם תמיד און רעדט פון איהם בייטאָג און ביינאַכט. „איך וועל איהר אָפּטון אַ זאַך, אַז זי וועט מיך האָבען צו געדענקען!" — האָט יחזקאל באַשלאָסען.

אויף מאָרגען איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה ווען שרה איז נאָך געשלאָפען. האָט ער גענומען איהר שוך, אָפּ־געשניטען אַלע קנעפּלעך און איהם צוריק אַוועקגעשטעלט.

ווען שרה האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער איהר גע־זאָגט: „אָט ערשט איז דאָ געווען דיין זוהן דער סאָלדאַט... ער איז נאָך נעכטען ביינאַכט צוריקגעקומען... נאָר אַזוי ווי דו ביזט געשלאָפען איז ער אוועק צו זיין פעטער און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויף דיר דאָרט וואַרטען."

אַז שרה האָט דערהערט די פרעהליכע בשורה האָט

איהר האַרץ אָנגעפּאַנגען שפּרינגען פון פרייד. וואָרום זי האָט גאָר ניט ערוואַרט איהר זוהן זאָל איצט קומען. האָט זי זיך גענומען שנעל אָנטון.

— ווער האָט עס אָפּגעשניטען די קנעפּלעך פון מיין שוך? — האָט שרה אויסגעשריען מיט כעס, ווען זי האָט גענומען דעם שוך.

— ווער? דיין טייערע הון, וואָס האָט נעכטען אויפ־געגעסען מיינע ציגען — האָט יחזקאל געענטפערט.

שרה האָט ניט געענטפערט אַ וואָרט. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָט עס דער ווילדער אינגעל איהר אָפּ־געטון. זי האָט פאַרבונדען איהר שוך מיט אַ בענדעל און געלאָפען צו איהר ברודער. אָבער מיט גרויס האַרצוועה־טאָג האָט זי זיך דערוואוסט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ לי־גען.

שרה האָט זיך אומגעקערט א־היים מיט א צעבראָכען האַרץ און פאַרוויינטע אויגען. דאָס מאָל האָט זי זיך ניט געבייזערט און ניט געשריען, נאָר מיט אַ שווערען זיפץ האָט זי געזאָגט צו זיין מוטער: „ער האָט מיך אָפּגענאַרט! מיין זוהן איז ניט געקומען!"

יענעם גאַנצען טאָג און אַ סך טעג נאָכדעם איז שרה אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריגע. זי האָט זיך ניט געבייזערט אויף די קינדער, אָבער די גאַנצע צייט האָט זיך אויף איה־רע ליפּען קיין שמייכעל ניט באַוויזען נאָר אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַלע וויילע אַרויסגעריסען פון איהר האַרצען.

יחזקאל האָט געזעהן שרה'ס אומעטיג געזיכט, געהערט איהרע זיפצען און איהם האָט שטאַרק פאַרדראָסען. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט ער זי אומעטיג געמאַכט. ער

האָט זי אָפּגעענטפערט און דערמיט פאַרביטערט איהר געמיט.
„זי האָט ניט ערוואַרט איהר זוהן — האָט ער ביי זיך געטראַכט — און איז געוועזען רוהיג און פרעהליך און איך האָב איהר צעשטערט איהר רוה און פאַרטריבען איהר פרייד."
„יאָ, איך האָב צעשטערט איהר גאַנצען גליק און פאַרביטערט איהר לעבען."

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט דער איינגעל געפּרואווט זי איבערבעטען און באַרוהיגען מיט גוטע רייד און טרייסטווערטער, אָבער זי האָט גאָר ניט געענטפערט. האָט דער איינגעל פאַרשטאַנען אַז איהר האַרץ איז שטאַרק פאַרביטערט.

און דער איינגעל האָט ניט געקענט רוהען. ער האָט געטראַכט ווי זי צוריק אויפצומונטערן. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און געפונען אַ וועג.

ער האָט געוואוסט, אַז איהר איז אַלע מאָל שווער צו געפינען עמיצען אָנצושרייבען פאַר איהר אַ בריף צו איהר זוהן וואס איז איהר איינגעבאַקען אין האַרצען. האָט ער אָנגעהויבען אויפפאַסען אויף זיין האַנטשריפט, און אין איין מאָנאַט האָט ער זיך אויסגעלערנט שרייבען זעהר שען.

— שרה — האָט ער איינמאָל צו איהר געזאָגט מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרץ — זעה ווי שען איך שרייב! לאָז מיך, וועל איך פאַר דיר אָנשרייבען אַ בריף צו דיין זוהן!

שרה האָט איהם אָנגעקוקט מיט חשד. האָט יחזקאל זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך צעוויינט.

— נו, גוט! שרייב! — האָט שרה געזאָגט פריינטליך.

מיט פרייד האָט יחזקאל געכאַפּט אַ ריינעם בויגען פּאַפּיר, אַ נייע פּען און גלאַנציג, שוואַרצע טינט און זיך אַוועק-

געזעצט ביים טיש אין קיך. ער האָט זיך צוגעהערט צו שרה'ן און געשריבען וואָס זי האָט געהייסען.

ווען ער האָט געענדיגט דעם בריף האָט ער איהם פאַר איהר איבערגעלייענט.

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געלייענט האָט שרה געשוויגען און הייסע טרערען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע אויגען. און ווען ער האָט געענדיגט, איז זי אויפגעשטאַנען, איז צו איהם צוגעגאַנגען און א קוש געטון אין שטערן.

נאָכדעם איז יחזקאל אַרויסגעגאַנגען זיך שפּילען מיט זיינע חברים און האָט געפיהלט ווי אַ שווערער שטיין איז איהם אַראָפּ פון האַרצען.

ד י ש ו ל ע.

אַמאָל האָט אַן אָרעמאַן געפירט זיין אינגעל אין אַ ווייטער שטאָט, דאָרט אַריינצוגעבען איהם אין אַ שולע. און ער איז אויפ'ן וועג געבליבען אָהן אַ גראָשען.

האָט דער פאָטער, אַ פאַרזאָרגטער, געטראַכט: „איך פיר מיין קינד אין אַ שולע אַריין אין אַ ווייטער שטאָט און איך האָב אפילו ניט קיין פּרוטה צו באַצאָהלען שכר למוד, פאַר שפּייז און אַ דירה פאַר מיין זוהן!"

עס איז נאַכט געוואָרען און זיי זענען אַריין אין אַן אַכסניא איבערנעכטיגען. אין דער אכסניא איז געוועזן נאָך אַן אורח, אַ יונגער מאַן, שען אָנגעטון און קענטיג אַ רייכער.

האָט זיך דער פאָטער מיט'ן זוהן געלעגט אין איין צימער און אין צווייטען צימער לעבען זיי איז געשלאָפען דער רייכער יונגער מאַן אַליין. און אַן אָפענע טיר האָט געפירט פון איין צימער אין אַנדערן.

ביינאַכט איז דער פאָטער אויפגעשטאַנען און שטילער־הייט איז ער אַריין אין צווייטען צימער, האָט אַרויסגע־גנב'עט דאָס גאַנצע געלט ביים יונגען מאַן און זיך צוריקגע־לעגט.

און דער זוהן איז ניט געשלאָפען און האָט געזעהן וואָס זיין טאַטע האָט געטון.

— וואָס זאָל איך טון ? — האָט דער אינגעל גע־טראַכט — זאָגען דעם טאַטען, אַז ער האָט ניט ריכטיג גע־טון, וועל איך איהם דאָך פאַרשעמען. זאָל איך שווייגען ? איז ווי קען איך זעהן, ווי מיין טאַטע זינדיגט און איך זאָל שווייגען ?

האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און אָנגע־הויבען לערנען. אין דער תורה שטעהט „לא תגנב", אין דער תורה שטעהט „לא תגנב"...

— וואָס מורמעלסטו דאָרטען ? — האָט דער פאָטער אויף איהם אָנגעשריען.

— איך חזר מיר איין וואָס כ'האָב געלערנט אין חומש — האָט דער אינגעל געענטפערט — עס שטעהט אין דער תורה : „לא תגנב". לא תגנב מיינט : דו זאָלסט ניט גנב'ענען.

— לעג זיך און שוויג — האָט דער פאָטער אויף איהם אָנגעשריען — יעצט איז ניט קיין צייט פאַר לער־נען !

האָט זיך דער אינגעל געלעגט נאָר ער האָט ניט גע־קענט איינשלאָפען. און דער פאָטער האָט זיך געטראַכט : „נו, איצט האָב איך ניט וואָס צו זאָרגען. דאָס געלט וועט מיר קלעקען פאַר שכר למוד און אפשר אויך פאַר דירה געלט און קעסט פאַר מיין זוהן." און ער איז איינגעשלאָפען.

און דער יונגער מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי נאַכט, האָט אַ טאַפּ געטון זיין קעשענע און — ניטאָ דאָס געלט. איז ער אַריין אין צווייטען צימער און געטראָפען דעם פאָטער שלאָפען און דעם זוהן אַ וואַכעדיגען. האָט ער זיך געטראַכט: „דער וואַכעדיגער איז געווים דער גנב.”

האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אינגעל ביים האַלז, איהם אַריינגעשלעפּט אין זיין צימער און געפרעגט: וואו איז דאָס געלט?

האָט זיך דער אינגעל געטראַכט: „וואָס זאָל איך טון? זאָגען, אַז איך ווייס ניט? וועל איך דאָך זאָגען אַ ליגען. דערצעהלען וואָס כ'האָב געזעהן? וועל איך דאָך רעדען שלעכטס אויף מיין טאַטען.

האָט ער געשוויגען.

— מיין געלט, וואו האָסטו באַהאַלטען?

דער אינגעל שווייגט.

האָט ער איהם אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און אָנגעהויבען שלאָגען.

דער אינגעל האָט פון גרוים וועהטאָג געביסען זיינע ליפּען און זיינע הענט און געשוויגען.

האָט זיך דער יונגער מאַן געוואונדערט אויף דעם אינגעל, וואָס ער גיט אַפילו ניט איין קוויטש. ער האָט איהם אַ שטוים געטון מיט'ן פוס און אַ געשריי געטון: לעבסט, צי דו ביזט שוין טויט?!

— ש־שש! — האָט דער אינגעל געשעפּטשעט — שריי ניט אַזוי, דו וועסט נאָך אויפוועקען מיין טאַטען!

— אויב דו האָסט אַזוי מורא פאַר דיין טאַטען, וועל איך דיך שלאָגען אַזוי לאַנג ביז דו וועסט איהם אויפוועקען מיט דיין געוויין.

און ער האָט איהם אָנגעהויבען שלאָגען איבער'ן רוקען, איבער די פּיס. אָבער דער אינגעל האָט אַריבערגעטראָגען די וועהטאָגען און געשוויגען.

דערווייל האָט זיך דער פאָטער אויפגעכאַפּט. ער איז אַראָפּ פון בעט און געזעהן ווי זיין זוהן ליגט אין צווייטען צימער אויף דר'ערד און שמיץ שיטען זיך אויף איהם. איז ער געפאַלען דעם רייכען מאַן צו די פּיס און אָנגעהויבען וויינען.

— שלאָג ניט מיין ערליכען זוהן! איך בין דער גנב! ער האָט מיך געוואָרענט איך זאָל ניט גנב'ענען, און איך האָב איהם ניט געפאָלגט. אָט, נאַ דיר דיין געלט, נעם עס און מיך זעץ אַריין אין תפיסה.

אַז דער מאַן האָט געזעהן די גרויסע ליבשאַפט פון דעם אינגעל צו זיין פאָטער, האָט ער אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזען זיין קאָפּ צו דר'ערד. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען דאַן האָבען זיך פון זיינע אויגען אָנגעהויבען גיסען טרערען.

— דאָס געלט, וואָס דו האָסט ביי מיר גע'גנב'עט, איז ניט מיינס. ביי מיין טאַטען האָב איך עס אַרויסגע'גנב'עט און געוואָלט אַנטלויפען פון איהם. מיך האָט ניט געאַרט זיין צער און זיין שאַנדע. איצט זיצט ער אין זיין צימער, וויינט און בענקט נאָך מיר. דו ביזט אַ גנב און איך בין אַ גנב און אַ שלעכט קינד. איך וועל ביי דיר דאָס געלט ניט נעמען ביז דו וועסט מיט מיר ניט געהן צו מיין טאַטען און איהם בעטען ער זאָל מיר מוחל זיין.

זענען זיי אַלע אַוועק צו דעם מאַן'ס פאָטער און האָבען איהם דערצעהלט, וואָס מיט זיי האָט זיך געטראָפען. און דער זוהן איז געפאַלען זיין טאַטען צו די פּיס און מיט טרערען געבעטען: טאַטע, זיי מיר מוחל!

און דער אינגעל האָט אויך געבעטען דעם אַלטען עושר: זיי איהם מוחל, ווי אַ טאַטע, וועל איך איהם אויך מוחל זיין פאַר די קלעפּ וואָס ער האָט מיר געגעבען.

און דעם אינגעל'ס פאָטער האָט געבעטען: נעם אָפּ דיין געלט און גאָט וועט אונז אַלעמען מוחל זיין.

אָבער דער אַלטער האָט אָנגעבויגען זיין קאָפּ און אַ שטראָם טרערען האָט אָנגעהויבען פליסען פון זיינע אויגען.

— איך קען ניט נעמען דאָס געלט, ווייל ס'איז ניט מיינס. דאָס געלט האָט ביי מיר אַ מאַן געלאָזען. ער איז פלוצים געשטאָרבען. זיינע יורשים האָבען געוואוסט אַז זייער טאַטע האָט ביי מיר געלאָזען געלט, אָבער איך האָב עס זיי ביז היינט ניט אָפּגעגעבען. איך וועל אייך ניט אָפּ־לאָזען ביז איהר וועט ניט געהן מיט מיר צו דעם מאַן'ס יורשים, איך וועל זיי אָפּגעבען זייער געלט און איהר וועט זיי בעטען זיי זאָלען מיר מוחל זיין.

זענען אַלע אַוועק צו די יורשים פון דעם געשטאָרבע־נעם און האָבען זיי דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע.

די יורשים האָבען אויסגעהערט די געשיכטע, געקוקט איינער אויפ'ן אַנדערן און געשוויגען. נאָכדעם איז אויפ־געשטאַנען דער עלטסטער פון די ברידער און האָט אַזוי גע־זאָגט:

— איהר בעט איך זאָל אייך מוחל זיין, און ביי ווע־מען זאָל איך בעטען פאַרגעבונג? איך בין אַ קרעמער און ביים קויפען סחורה וועג איך אַריבער און ביים פאַרקויפען דערוועג איך ניט, און איך קען אפילו ניט אַלע מיינע קונים איך זאָל זיי קענען אומקערען, וואָס איך האָב ביי זיי צו־גענומען!

דאַן איז אויפגעשטאַנען דער צווייטער און האָט אַזוי געזאָגט:

— איהר קערט מיר אום געראויבט געלט, און וועמען זאָל איך אומקערען, וואָס איך האָב גע׳גזל׳ט? איך בין אַ פאַבריקאַנט און באַשווינדעל מיינע אַרבייטער. זיי האָבען מיט מיר אויסגענומען צו אַרבייטען אַכט שעה אַ טאָג, און איך רוק אַלע טאָג צוריק די ווייזערס פון זייגער און מאַך זיי אַרבייטען דרייצעהן שעה אַ טאָג. און איך וויים ניט וואו עס געפינען זיך די אַלע מענשען וואָס האָבען ביי מיר געאַרבייט, איך זאָל זיי קענען אומקערען, וואָס איך האָב ביי זיי צוגענומען!

דאַן איז דער דריטער אויפגעשטאַנען און ער האָט געזאָגט: „וועה איז מיר, איך בין א צדקה אויפזעהער און צעטייל ניט ערליך דאָס געלט צווישען די אָרעמע לייט. דעם גרעסטען טייל פון דעם געלט צעטייל איך צווישען מיינע אָרעמע קרובים, וואָס איך דאַרף אַליין מפרנס זיין!

און די ברידער האָבען זיך אַלע צעוויינט און זיך געשלאָגען אין האַרצען: וועה איז אונז אויף אונזערע זינד! מיר האָבען גע׳גנב׳עט און גע׳גזל׳ט און מיר ווייסען ניט וואו די מענשען זענען מיר זאָלען זיי קענען אומקערען, וואָס מיר האָבען ביי זיי פאַרנומען.

האָט זיך דער עלטסטער פון די ברידער אָנגערופען: קומט, לאָמיר געהן צום רב, און זאָל ער אונז זאָגען, וואָס צו טון מיט דעם געלט.

זענען אַלע געקומען צום רב און מיט טרערען אין די אויגען האָבען זיי איהם אַלעם דערצעהלט.

אַז דער רב האָט אויסגעהערט די געשיכטע האָט ער אָפגעזיפצט און זיך אָנגערופען:

— איהר זאָגט אויף זיך, אַז איהר זענט זינדיג, און וואָס זאָל איך, וואָס בין שולדיג אין אייערע זינד, זאָגען? איך בין דאָך דער רב און לערער פון גערעכטיגקייט ביי אייך, און ווי האָב איך עס גאָר ביז איצט קיין זאַך ניט געטון גוט צו מאַכען אייערע וועגען און לערנען אייך גערעכטיגקייט.

דער רב האָט אַ ווײַלע געטראַכט און דאַן האָט ער געזאָגט:

— קומט, ברידער, לאָמיר פאַרריכטען אונזער אויפפירונג. לאָמיר פאַר דעם געלט אויסבויען אַ שולע פאַר אָרעמע קינדער. דאָס געלט קומט פון אָרעמע לייט און צו די אָרעמע וועט עס זיך אומקערען. און איך וועל זיין דער לערער אין דער שולע.

אויף מאָרגען איז די זאַך באַוואוסט געוואָרען אין שטאָט. יעדער האָט זיך דערמאָנט אויף זיין האַנדלען מיט מענשען, און גרויס איז געווען די סומע געלט וואָס זיי האָבען אַלע צוזאַמענגעבראַכט.

דער רב האָט גענומען דאָס געלט און האָט דערפאַר געקויפט אַ שטיק לאַנד. די מענשען זענען זיך צוזאַמענגעקומען און האָבען געמאַכט ציגעל, געהאַקט שטיינער, ברעטער. דער האָט געקלעפּט און יענער געמויערט, און מען האָט אויפגעבויעט אַ גרויסען, גרויסען פּאַלאַץ און אַרום איהם האָבען זיי פאַרפלאַנצט אַ שענעם גאָרטען.

און פאַר דעם איבערגעבליבענעם געלט האָט מען געעפענט אַ פרייע קיך פאַר די אָרעמע שילער.

און דער אָרעמער אינגעל איז אַריין אין דער שולע און דער פאָטער איז אַ פרעהליכער אַוועק אַהיים.

ביכער פאַר שולען און דערציהונג

אַרויסגעגעבען פון

מייזעל'ס פערלאג

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

(מעשה'לעך פאַר אידישע קינדער)

1. יהודה שטיינבערג

1. שמעון, איך זאָג אַזוי לעבען.
2. די פאַרשאָלטענע פּרינצעסין.
3. די געפאַנגענע כּלה.

פּרייז 15 ס.

2. יהודה שטיינבערג

1 אַ מעשה מיט אַ פּוריםשפּיל — 2. דער געשלאָגענער אונגער. — 3. פליגען שריפט. — 4. אַ רייַנער געוויסען.—5. די שולע.

פּרייז 15 ס

3. יהודה שטיינבערג

1. פראַגען.—2. שמואל מילנער. — 3. אַ מעשה מיט צוויי ברידער.—4. רויזען און שמאַראַגדען.

פּרייז 15 ס.

4. יהודה שטיינבערג

1. צוויי באַגערען.—2. די ניט פאַרענטפערטע קשיות. — 3. לא תתמהו. — 4. אַ רוגזן.

פּרייז 15 ס.

5. יהודה שטיינבערג

1. חמשה־עשר אויבס. — 2. די ביימלעך אין גלות.

פּרייז 15 ס.

6. —

1. בן־עמי: פּיזוועל דער גרויסער און פּיזוועל דער קליינער.
2. ד. סלוצקי: די ערד דרעהט זיך ניט. פּרייז 15 ס.

7. דריי אליהו הנביא מעשיות:

דאָס גאָלדענע קייקעלע — ד. בערגעלסאָן

אליהו הנביא'ס כּוס — ש. שאַפּירא

שנייערל — — פּ. היילפּערן

פּרייז 8ס.

8. י. ל. פּרץ

דער דין־תורה מיט'ן ווינד.

פּרייז 5 ס.

ש. דובנאָוו: אידישע געשיכטע פאַר שולע און זעלבסטבילדונג.

באַנד I: ביבלישע עפּאָכע. 256 זייטען.

פּראָבעפּאָך געבונדען — 90 ס.

באַנד II: מאַקאַביאישע און תּלמודישע עפּאָכע — 90 ס.

באַנד III: דער מיטעלאַלטער און די נייע צייט — 90 ס.

מ. וואַרשאַווסקי'ס יודישע פאָלקסלידער, געב. — — $1.25

" מוזיק צו וואַרשאַווסקי'ס לידער, בראָשירט — — 60 ס.

ה. ליבערמאַן: די אידישע רעליגיאָן אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער ערציהונג, בראָש. 10 ס.

ה. ליבערמאַן: די אידישע ערציהונג אין אַמעריקאַ. בר. 20 ס.

ה. ספּענסער: דערציהונג, גייסטיג מאָראַליש און קערפּערליך, רייך געב. — $1.00

י. ענטין און ל. עלבע: פון אידישען קוואַל, אַ אידיש לערנבוך און חרעסטאָמאַטיע פאַר שול און הויז, מיט 43 בילדער און פּאָרטר., 306 זייטען; געב. — — — — $1.00

פאָלשטענדיגער קאַטאַלאָג געשיקט פּריי.

שרייבט קריגען אַ גרויסען ראַבאַט

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער און ביים פערלעגער

MAX N. MAISEL, 424 GRAND STREET, NEW YORK.